בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' פ' מטות | כ"ג תמוז | תשע"א | ע"ז

# באריכט:

## שב"ק העעל"ט בצל הקודש אין ניו העמפשיר

פארגאנגענעם ערש"ק העעל"ט נאכמיטאג נאך די מקוה, האט דער רבי שליט"א בודק געווען דעם עירוב ארום ביתו נאוה קודש אין ניו העמפשיר.

ליל שב"ק איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום טיש אום 10:30, אינאיינעם מיט א צאהל געסט וועלכע האבן געוויילט בצל הקודש אין ניו העמפשיר. נאך די פיש איז דער ציבור אריבער נעמען שיריים פונעם רבי'ן שליט"א, מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר פנחס אלימלך ווייס הי"ו משמש הביהמ"ד, מיט מנוחה ושמחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יושע ארי' גרינוואלד הי"ו פון קרית יואל.

ביי די דברות קודש האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט האט אויפן פסוק נקום נקמת בנ"י, און ארומגערעט בדרך דרוש ופלפול אין די סוגיא פון אין שליח לדבר עבירה וואס די מדינים זענען געווען שליחום לדבר עבירה.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר דוד פריעלאנדער הי"ו פון קרית יואל, מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר יואל מייזליש שליט"א פון ירושלים עיה"ק בן הגה"צ ר' חיים צבי שליט"א ראש ישיבתינו בבני ברק, מיט קה רבון עלם האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אברהם הערש שעהר הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן בענטשן האט דער רבי שליט"א ארומגערעדט בענינים פון די דריי וואכן וימי בין המצרים. מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר יצחק עהרנפעלד הי"ו פון קרית יואל.

שב"ק אינדערפרי האט דער רבי שליט"א נישט געדאווענט שחרית פאר'ן עמוד ווי געווענליך, בעל תפילה איז געווען הרבני הנגיד מוה"ר שלמה קלאגסברוין הי"ו פון קרית יואל, תפילת מוסף האט דער רבי שליט"א געדאווענט פאר'ן עמוד לקראת די ערשטע יארצייט פון אמו הרבנית הצדיקת ע"ה וועלכער געפאלט אויס היינט – מאנטאג, און לרגל די הילולא קדישא פון זקינו הרה"ק אב השלשלת מרן בעל ישמח משה זי"ע, וועלכע'ס געפאלט אויס אי"ה דעם קומענדיגן שב"ק הבעל"ט.

ביים שלחן הטהור יום שב"ק האבן זיך באטייליגט א צאהל מאנ"ש וועלכע ווילן בצל הקודש אין ניו

העמפשיר. מיט ברוך ה' האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אברהם הערץ הערשקאוויטש הי"ו פון קרית יואל, מיט ברוך קל עליון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אברהם הערש שעהר הי"ו פון קרית יואל, און מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אורי שווארץ הי"ו פון קרית יואל.

ביי שלוש סעודות האט רבינו שליט"א טועם געווען פון מאכלי חלב כמנהג אבותיו רבותינו הק' זי"ע אין איינע פין די דריי וואכן פין די ימי בין המצרים.

מיט אודה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר אורי שווארץ הי"ו פון קרית יואל - ווי יעדע וואך, און מיט שיר המעלות מוה"ר פישל פארקאש הי"ו פון קרית יואל.

ביי די דברות קודש האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן מסורה פון "נחנו פשענו ומרינו" און "נחנו נעבור חלוצים" און "כלנו בני איש אחד נחנו", און ארומגערעדט איבערן חורבן המקדש און איבער ביטול תורה.

מיט ידיד נפש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר טובי' גאלדשטיין הי"ו פון וויליאמסבורג, און מיט א-ל מסתתר מוה"ר זלמן גאלדשטיין הי"ו פון וויליאמסבורג.

מעריב מוצש"ק האט דער רבי שליט"א געדאווענט פאר'ן עמוד לקראת די ערשטע יארצייט פון אמו הרבנית הצדיקת ע"ה וועלכער געפאלט אויס היינט – מאנטאג, און לרגל די הילולא קדישא פון זקינו הרה"ק אב השלשלת מרן בעל ישמח משה זי"ע, וועלכע'ס געפאלט אויס דעם קומענדיגן שב"ק הבעל"ט.

## מרן רבינו שליט"א באזוכט קעמפ "המחנה" אין ניו העמפשיר

נעכטן – זונטאג פארמיטאג איז מרן רבינו שליט"א געפאהרן אויף א באזוך אין די זומער קעמפ "המחנה" אין טילטאן ניו העמפשיר, וואס איז אין שכינות פון בעטלעהעם ניו המעפשיר, ווי עס האלטן זיך אויף עטליכע הונדערט בחורים תלמידים פון עטליכע ליטווישע ישיבות פון פארשידענע געגענטער.

די ראשי הישיבות שליט"א האבן איינגעלאדענט דעם רבי'ן שליט"א, צו קומען משמשיע זיין דברות קודש פאר די בחורים איין זייער קעמפ.

געפירט דעם רבי'ן שליט"א צום באזוך האט הרבני הנגיד מוה"ר שלמה קלאגסברוין הי"ו פון קרית יואל, און בעת דער רבי שליט"א איז ערשינען אינעם קעמפ, האבן די תלמידי המחנה אפגעווארט דעם רבי'ן שליט"א ביים אריינגאנג פון קעמפ ווי זיי האבן מקבל פנים געווען דעם דעם רבי'ן שליט"א מיט געזאנג.

דאן איז מען אריין אין היכל בהבימ"ד ווי עס האט אויגעטרעטן דער ראש הישיבה הרב פארסטער שליט"א וועלכער האט מקבל געווען פני כ"ק מרן רבינו שליט"א, ערקלערנדי'ג פאר די תלמידים וואסערע זכי' זיי האבן צו מקבל פנים זיין א גדול בישראל ,און מנהיג העדה פון די גרעסטע חסידישע קהלה ביי כלל ישראל.

דערנאך האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש פאר די תלמידים וועלכער איז שפעטער איבערגעטייטשט געווארן אויף ענגליש דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א.

דער רבי שליט"א האט זיך געשטעלט אויפן פסוק , ויסעו מִמָּרָה, און ארומגערעדט בדרך אגדה איבערן

ענין די מ"ב מסעות וואס אידן מאכן מיט לײדער, און דערנאך געטײטשט דעם מסורה פון "נחנו פשענו ומרינו" און "נחנו נעבור חלוצים" און "כלנו בני איש אחד נחנו", און דערבײ האט דער רבי שליט"א ארומגערעדט בדברי חיזוק ומוסר איבער די כח פון יעדן איד און נאך דברי הדרכה פאר די בחורים.

נאך די דברות קודש האט דער רבי שליט"א געוואנטשן לחיים, און אלע תלמידי המחנה האבן געהאט די זכי' אדורכצוגיין מרן רבינו שליט"א מקבל צו זיין ברכת קדשו, ווי דער רבי שליט"א האט יעדן באזונדער אנגעוואונטן בצהלת פניו.

נאך דעם מעמד האט דער רבי שליט"א משמיע געווען א באזונדערע שמועס פאר די עלטערע תלמידים פון די ישיבה ווי דער רבי שליט"א האט זיי משמיע געווען ווארימע דברי חיזוק.
דערנאך זענען די רמ"י הישיבה שליט"א אריין אל הקודש פנימה להתברך בקו"פ, און דאן האט זיך דער רבי שליט"א צוריקגעקערט קיין בעטלעהעם.

❧•❧

## הילולת הרבנית הצדיקת ע"ה

נעכטן נאכט האט דער רבי שליט"א געצונדן ליכט און געדאווענט מעריב פאר'ן עמוד לרגל די יארצייט פון אמו הרבנית הצדיקת ע"ה, און היינט אינדערפרי נאכ'ן דאווענען שחרית פאר'ן עמוד האט דער רבי שליט"א געפראוועט א מסיבת לחיים לרגל די יארצייט.

אין די טעג וואס מרן רבינו שליט"א ווײלט אויף אפרוה אין ניו העמפשיר, ווײלט אויך דארטן הרה"ג ר' יעקב אלי' אונסדארפער שליט"א רב דק' ראשית חכמה אין מאנטריאל, וועלכער איז דער חברותא פון מרן רבינו שליט"א בעת דער רבי שליט"א ווײלט על מי מנוחות.

❧•❧

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נײעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגײן אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגײן אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגײן מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**